## מ׳האָט פֿון אײַך דערציילט ווי פֿון דער זון...

### א

קראַנקן־שוועסטער,
דערבאַרעם־שוועסטער,
חולאים האָבן פֿון אײַך דערציילט
ווי פֿון דער זון: איר היילט.

### ב

דערבאַרעם־שוועסטער!
ווען נישט איר, ווי ברוגז וואָלט דער טאָג זיך אָנגעטאָן אין שאַטנס.
דאָ ליגן דרימלענדיקע מענטשן, ווי ס׳ליגן לאָנקעס טבֿת־צײַט.
האַרטע גרודעס שטעכן פֿראָסטיק און דערמאָנען...
ס׳האָט געגראָזט, געבליט, געזילבערט, איצטער וואַקסט דאָרט שטעכיקייט...

דערבאַרעם־שוועסטער!
ווען נישט די שטילע שפּיגלטײַכלעך וואָס טרוימען זיס בײַ אײַך אין אויג,
ווי שווער געחלומט וואָלט דאָס בלוט: דאָ שלאָפֿט מען אונטער זאַווערוכעס.
די ערד איז אויסגעבעט מיט גליווער, עס הענגט דער הימל ווי אַ שטיין;
אַז ער׳ט אַראָפּפֿאַלן, ווער וועט העלפֿן? דאָ פֿרירן אַלע אַזוי אַליין.

הערצער צעפֿאַלן ווי פֿאַרלאָשענע בלומען, ווערן צעטרעטן פֿון שנייִדיקן ווינטער.
דאָ שמאַכטן קעפּ, ווי שטײַפֿע פֿעלדער: די שטערנס אומגעלייגט מיט אײַז...

— —

נאָר אָט קומט איר, דערבאַרעם־שוועסטער.
אונטער אײַער טראָט זינגט אויף די וועלט,
אײַער פֿאַרטעך פֿלאַטערט וואַרעם, גלאַנצט ווי זומער ברייט און ווײַס.

### ג

דערבאַרעם־שוועסטער!
אין בוזעם בלוטיקט פֿול דער צווייפֿל;
נאָר איר זענט האַרץ און זענט פֿאַרטרויען,
עס הענגט אויף אײַך דער ווײַסער פֿאַרטעך,
ווי דער חושן אויפֿן כּהן:

שיטן זיך אויף דר׳ערד און שיטן
שוואַרצע נעכט ווי שטיקע קויל.
פּלוצלינג ווערן זיי צעגליטע,

פֿונקען פֿאַלן אויף בויך און קניִען,
די קישנס און די העמדער בריִען,
העליש פֿייַער — און אַ מענטש אין מיטן ;
היץ שטייַגט, פֿליט ווי רויטע טויבן,
פֿליט צום פֿענצטער וווּ נישט־גוטע
זיצן, לאַכן [אין די שויבן].
בליקען צינגער, גראָבע, גרויסע,
מאַכן פֿון אַ צונג אַ באַרג.
און דער קאַטשענבוים אין דרויסן
וואַקסט אין אימה, פֿיבערט שטאַרק,
וויל נישט זייַן אַליין אַצינד
און רייַסט זיך צו דער וואַנט פֿון מויער,
טוליעט צו איר זיך, ווי אַ קינד,
און צום פֿענצטער אויפֿן אויער
בויגט ער זיך, דערציילט געשווינד
וואָס נעכטן האָט ער דאָ געזען
און וואָס עס וועט נאָך הייַנט געשען.

— —

שיטן זיך אויף דר׳ערד און שיטן
שוואַרצע נעכט ווי שטיקער קויל.
פֿלוצלינג ווערן זיי צעגליטע
העליש פֿייַער — און אַ מענטש אין מיטן.

איר האַלט אין האַנט דער טערמאָמעטער
און איילט זיך דאָס אויג פֿאַרשליסן.
נאָר אומזיסט: אַרויסגעריסן
האָט זיך שוין אַ טרער און ס׳פֿליסן
צווייטע, דריטע, פֿינפֿטע קלעטערט, —

און ווי אין נאַסן קאַלטן וועטער
דורכגעשוידערט שטייט איר, גלעט איר
פֿייַכטע הייסע קראַנקע שטערנס,
ווי קאַכליעס אָנגעהייצטע יוכט, —
האַלבע וועלט רינט אויס אין טרערן,
די צווייטע העלפֿט אין אייַער ברוסט
ווייסט: נייַן און דרייַסיק, אַכט...

— —

וואָס וואָלט געווען אָן אײַך די נאַכט.

דערבאַרעם־שוועסטער!
וואָס וואָלט געווען אָן אײַך די נאַכט,
ווען (ווי הויקערס אויפֿן רוקן)
ליגן אויף הויף און בוים און דאַך
זעקלעך פֿינצטערניש אין דריקן,
שטייען הויף און דאַך און בוים,
שרעקן זיך אַנטדרימלט ווערן:
אויף דעם שוואַרצן האַרץ פֿון רוים
האָבן אויסגעזעצט זיך שטערן
ווי קינדער אויף אַ טויטער מוטער.
און מיט ספֿקותדיקע געמיטער
שטייען הויף און בוים און דאַך
וויסט, געקאָרטשעט פֿון רחמנות
צו זיך אַליין און צו אַ סך
און פֿרעגן שטילערהייט די נאַכט:
צי וועט דער בורא אונדז אויף שטראָפֿן?

דערבאַרעם־שוועסטער!
וואָס וואָלטן נעכט אָן אײַך געווען?
גרויסע הינט אין דאָרף וואָס מוזן
היטן טאָמער וועט געשען
אַן אומגליק גרויס און אומגעריכט...
אָפּגעשטאָרבן ס׳לעצטע ליכט,
טויט אין דאָרף, די הינט אין מיטן
פֿון דעם טויט דרייען זיך, דרייען
אויף דער אייגענער קייט און גייען
אַרום זיך אַלץ מער פֿאַרלוירן,
שפּירן שלעכטס און קענען נישט
אַנטלויפֿן פֿון דער מרה־שחורה,
וואָס שפּרינגט ווי מײַז און קריכט ווי שפּינען
פֿון אַלע כאַטעס און רוינען,
פֿון סטערטעס היי, פֿון שײַערס ווייצן
פֿון זומפּן, וווּ עס ליכטן לצים.
שלײַכן הינט מיט טעמפּע טריט
און קאָנען נישט פֿון שווער געמיט
אַוועק: זיי היטן אים און היטן...

און שפּרײַזן אַזוי פֿרעמד געלאַסן
און קוקן ווײַט מיט מאָדנע בליקן
ווי צוויי שטיקער משוגעתן,
און רײַסן זיך צו דער מיל
און זעען עמעץ שפּאַנט פֿון טײַך
און שרעקן זיך צו טון אַ ביל
און ריכטן זיך אויף עמעצס קומען.

— —

וואָס וואָלט געווען די נאַכט אָן אײַך?
אין שטומען דאָרף אַ הונט אַ שטומער.

קראַנקן־שוועסטער,
דערבאַרעם־שוועסטער!
ווען צווייפֿל בלוטיקט פֿול אין בוזעם,
וואָס וואָלט געווען אָן אײַך די נאַכט?
אַ כיטרער שׂונא: ווײַל ער וואַכט
אין די שפּיטעלער, ער הערט זיך צו
צו דער שטילקייט און רײַסט די רו
אַרויס... נו, בלײַבט מען אָן אַ טרייסט,
און קראַנקער זעט און קראַנקער ווייסט:
מען איז פֿון יעדער זײַט פֿאַרמאַכט,
מען איז אַרײַן אין מיטן שלאַכט...
דער צאָרן גאָטס איז ווי אַ הויז
איבער אַלע קעפּ געשטעלט.
און ווי אַ חיה לויפֿט פֿון פֿעלד
און האָט פֿאַרפּלאָנטערט זיך אין צווײַגן
צאַרפּעט זיך און וויל אַרויס,
אַזוי ליגט מען דאָ פֿאַרקניפּט אין שווײַגן
און די פּענטעס זענען גרויס,
שטילקייט קרעמפּעוועט דאָס האַרץ,
וויקלט קלעמיק ווי אַ קייט
אויף אַקסל זיך, אויף עלנבויגן.
ווער ווייט זיגן? מען זוכט באַשייד
אין דער פֿאַרב פֿון אײַערע אויגן,
ווי מען זעט אין רעגן־בויגן
אַ סימן, אַז גאָט האָט פֿאַרגעבן...
„וואָס? עמעץ גייט אויף אונדזער לעבן?"
מען קוקט משוגע צו די ווענט:

״צי איז שוין די צײַט געקומען?״
און מען בליקט אײַך אויף די הענט
ווי מען קוקט אין אורים־תּומים.
נאָר איר זענט דערבאַרעם־שוועסטער,
איר שמייכלט און פֿאַרנאַרט די האַרטע
לאַנגע פּײַניקנדיקע נעכט
און דערשיקט זיי מיטן פֿאַרטעך,
און איר שטייט און וויינט און לאַכט
און פּענכערס אײַז שטופּט איר אויס,
און לידלעך ווײַס זיפּצט איר אויס,
לידלעך ווײַס:
״וואָס איר זעט נישט
איז נאָך דאָ,
פֿאַרקלעמטע שעה,
די גרעסטע שעה.
מענטש איז שטום?
און וועלט פֿאַרשטעלט?
מען יאָגט אַ הערש
אין ווײַטן פּעלד...
וואָס איר זעט נישט
איז נאָך דאָ.

איז אין קלעם
אַרײַן אַ שעה
פֿאַרקלעפּט מיט סטאָסן
שטיינער, העלצער,
האָט איר פּײַער
אין די קעפּ,
ברענען העלצער
און צעשמעלצן
דעם זילבער־טויער
דאָרטן אויבן.
ווערט צעגאָסן
די לבֿנה
ווי אַ געשוויר
וואָס מאַכט זיך אויף.
זעט גאָט: דער טויער
שליסט זיך אויף,
נעמט ער טרויער
אויף זיך אַרויף,

ווי אַ מאַנטל
און גייט צום טיר
וואָס שטייט געעפֿנט
ווי אַ יאָמערדיקער
געשוויר,
און לויפֿט אין וועלט
און ברויזט דורך צײַט
און ווייטיקט דורך
אָנענדלעכקייט
און פֿאָכעט, פֿאָכעט
מיט יללות
ווי מיט פֿאָלעס
פֿון אַ מאַנטל,
און שרײַט
דעם הצות
אַרײַן אין אויער:
מײַן אַלטער קאָפּ
איז ווײַס ווי שניי
מײַנע אָרעמס טוען וויי;
וואָס קומט דאָ פֿאָר
בײַ מיר אויף דר׳ערד?
איך האָב געיאָמער
הײַנט געהערט:
ווער האָט מײַן נאָמען
דאָ באַשווערט,
ווער איז קראַנק?

(דעריבער ווערט
אויף אַלע גאַסן
הצות־צײַט
אַזוי באַנג).

און ווו נישט אָנהייב,
ווו נישט עקט זיך,
ער פֿילט אין שטורעם
און ער פֿרעגט זיך,
נאָר ווער דערוועגט זיך
ענטפֿער געבן?
אי טויט אי לעבן,
אי ערד אי הימל,

אי חושך שרעקט זיך.
פֿון די פּיענטעס
ביז די קרוינען
פּחדים ווינען
אומעטום,
פֿון די שרשים
ביז די צווײַגן
אַנגסטן שטײַגן
ווי קוועקזילבער
אין טערמאָמעטער
(און דעריבער
שפּעט בײַ נאַכט
קדחתן די בלעטער),
און מיט אַ מאָל
פֿאַריאָגט ער זיך
צווישן פֿעלדזן
און די ברעטער
וואָס מאַכן ענג אײַך
אײַער שעה,
און רופֿט און רופֿט:
איך בין דאָ!״

— —

אַזוי דערציילט איר און פֿאַרטראַכט זיך
און איר שמייכלט עפּעס לאַנג...
קראַנקע הערן דאָס געזאַנג.
מוראדיק און טרייסטיק פֿאַלט
אײַער ליד צו זיי אין פּנים
ווי מ׳איז מקדש די לבֿנה
ביחידות אין אַ וואַלד...
פֿון יעדן ברעג האָט העלער וועג
זיך אויפֿגעפּראַלט צו העלער צײַט
און מ׳איז צום גלויבן אַזוי נאָענט,
מ׳איז צום אויבן אַזוי ווײַט,
מען איז ווײַט, נאָר אַרום דיר
קייטלט זיך אַ ווײַסע קייט
און פֿון אַלע ווינקלען וואַנדלט
גרויסער פֿרעמדער — קענסט אים נישט,
ביסט משׂיג קוים און ווילסט וואָס גיכער

זען פֿון וואַנען און ביז וואַנען;
נאָר ביסט איינזאַם און נישט זיכער.

הערן קראַנקע איר דערציילט
און נאַשן שטראַלן בײַ אײַך אין פּנים,
און גרינגער ווערט און פֿאַרט ווערט קאַלט,
ווי מ׳איז מקדש די לבֿנה
ביחידות אין אַ וואַלד.
מען איז גרויסע דאָ געווען:
נאָר ס׳וואַקסט די פֿאָרכט אויף ביימער גרעסער.
און וואָס וועט הײַנט בײַ נאַכט געשען?
זיי ווילן אײַערע אויגן זען
(ווי דורך אויפֿגעמאַכטע שלעסער)
וואָס באַהאַלט זיך הינטער ווינטן
ערשט אין שפּעטער שעה אין דרויסן,
ווילן דערגיין דעם סוד דעם גרויסן;
נאָר ציטערן און טאַפּן בלינד.
זייערע טיאָכענדיקע הערצער
זוכן, גלאָצן אײַך אַנטקעגן
ווי מ׳קוקט אַרײַן אין אורים־תּומים,
פֿאָרשן שטומערהייט און פֿרעגן:
צי איז שוין צו אונדז געקומען
כּבֿיכול און זײַן גנאָד?

— —

קאָנט איר נישט קיין ענטפֿער געבן.
נאָר איר זענט דערבאַרעם־שוועסטער,
שטיפּט איר און פֿאַרנאַרט די האַרטע
לאַנגע פּײַניקנדע נאַכט
און דערוועגט זי מיטן פֿאַרטעך.

קריגט זי סיניאַקעס אין האַלדז,
לאַנגע צייכנס בלויען, בלויען
זיך אין הויף...
נעמען פֿרייען זיך די פֿענצטער,
און עס קוקן פֿון די שויבן
אויף פּנימער פֿאַרשטאַרטע קראַנקע
פֿריש און הייליק מאָרגנטויען.
און ווי דער חושן אויפֿן כּהן,

הענגט אויף אײַך דער ווײַסער פֿאַרטעך.

**ד**

און אין דער פֿרי, דערבאַרעם־שוועסטער,
איז נאָך נישט גאַנץ אין אײַך די פֿרייד
ווײַל דער מאָרגן איז פֿאַרחלשט,
ער קוקט מיט האַלבן אויג און גייט
נישט דרייסטע טריט און וואַקלט זיך
פֿאַר קעלט אַ שווײַגנדיקער, נאַסער,
ווי ער וואָלט דורכגעלעבט געפֿאַר,
מ׳האָט אים אַרויסגעשלעפּט פֿון וואַסער,
ווו ער האָט זיך דערטרונקען שיִער...

שטייט איר, שוועסטער, בײַ די קיכן
און הערט: ס׳זינגען טיימאַשינען,
נאָר ס׳באַקומט אײַך נישט דאָס ליד.
עס שלייכט אַרײַן זיך דער באַגינען,
וואַרעמט זיך בײַ אײַער פֿײַער,
אַ בעטלערישער, דורכגעפֿירטער,
ברענגט צו פֿירן וואַסעראויגן
נאָענט צו אײַך — נו, דערשפּירט איר:
נישט אומזיסט איז דער מאָרגן קאַלט
און זײַנע בלויע ליפּן ווינקען,
ווער ווייסט צי וועלט וועט נישט אַרײַן
אין קעסלגרוב און [זיך] נישט דערטרינקען.
דערמאָנט איר זיך: די נאַכט, די נאַכט
האָט זיך געבאָדן אין סכּנה.

— —

און אַצינד וואָס מאַכן זיי?

— —

ווי גוטע לײַכטע רעטונגס־שיפֿלעך
לויפֿט איר צו די גרויסע זאַלן,
און שווײַגט אַרײַן:
צי ווײַנען נישט צו אײַך סיגנאַלן?
נאָר ניין, עס שפּילט דער ים.
קלאָר וואַקסט טאָג פֿון שפּאַן צו שפּאַן.

דער וועלט איז איצט אויפֿן האַרצן גרינגער,
(די נאַכט האָט שוין פֿאַר אַלץ באַצאָלט)
און קראַנקע שפּילן זיך מיט די פֿינגער
ווי מיט פֿישעלעך פֿון גאָלד.

**ה**

קראַנקן־שוועסטער,
דערבאַרעם־שוועסטער,
חולאים האָבן פֿון אײַך דערציילט
ווי פֿון דער זון: איר הייכלט.

---

*[רעד., "די גאָלדענע קייט" נ. 114*

די פּאָעמע פֿון ישׂראל שטערן "מ'האָט פֿון אײַך דערציילט ווי פֿון דער זון", איז געדרוקט געווען אינעם לעצטן נומער פֿון דער צײַטשריפֿט פֿאָרויס, וואַרשע, (46) 18, דעם 18טן אויגוסט 1939 — האַרט פֿאַרן אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה און ס'איז אויך די לעצטע געדרוקטע יצירה פֿונעם פּאָעט. ווי ס'דערציילט רחל אויערבאַך אין איר בוך וואַרשעווער צוואות, האָט ישׂראל שטערן אויך אין געטאָ געשריבן לידער. זיי האָבן אָבער ביז איצטער ניט אָפּגעפֿונען. וועגן זײַן גורל שרײַבט זי, אַז ער האָט "פֿאַרענדיקט זײַנע טעג אין איינער פֿון די טרעבלינקע־קאַמערן".

די פּאָעמע אין לעצטן נומער פֿאָרויס איז דאָ און דאָרטן אָפּגעריבן. מסתּמא זענען אויך פֿאַראַן גרײַזן. פֿעלנדיקע אָדער ספֿקדיקע ווערטער ווערן געבראַכט אין צייכנס:[ ]. די צייכנס: - - זענען אין טעקסט.